# סילווער דייעמין פלואורייד: אפט געפרעגטע פראגן

## וואס איז סילווער דייעמין פלואורייד?

סילווער דייעמין פלואורייד (silver diamine flouride, SDF) איז א פליסיגע מעדיצין וואס ווערט גענוצט צו באהאנדלען ציין מיט לעכער. SDF באהאנדלונג איז שנעל, עס טוט נישט וויי און עס ווערט דורכגעפירט דורך א דענטיסט.

## וואס זענען די בענעפיטן פון באקומען SDF באהאנדלונג?

SDF פארהארטעוועט לעכער גלייך נאך עס ווערט ארויפגעלייגט, און עס שטעלט זיי אפ פון ערגער ווערן. דורכאויס SDF באהאנדלונג ווערט די פליסיגקייט ארויפגעלייגט אויף די לאך נוצנדיג א קליינע בערשטל. SDF באהאנדלונג קען פארמיידן דאס דארפן צוקומען שפעטער צו ערנסטערע באהאנדלונגען (ווי פילינגס, קראַונס און ארויסשלעפען ציין). עס איז אויך א גוטע אפציע פאר קינדער וועלכע האבן באגרעניצטע צוטריט צו א דענטיסט אדער וועלכע לאזן זיך נישט גרינג באהאנדלט ווערן ביים דענטיסט. עס פארלאנגט נישט קיין איינשפריץ אדער צו אריינדרילן אין די צאן.

## איז SDF באהאנדלונג זיכער?

יא, SDF באהאנדלונג איז זיכער און עס זענען נישטא קיינע באקאנטע שעדליכע השפעות דערפון. SDF זאל נישט גענוצט ווערן אויף מענטשן וועלכע זענען אלערגיש צו זילבער אדער וועלכע האבן וואונדן אדער שניטן אין זייער מויל.

## וואס זענען די זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) פון באקומען SDF באהאנדלונג?

SDF באהאנדלונג קען מאכן א פלעק אויף לעכער. לעכער זענען אפט ווייך און האבן א ברוינע קאליר. SDF באהאנדלונג פארהארטעוועט די לעכער און מאכט די פלאך שווארץ (דאס ווייזט אז די SDF ארבעט). פלעקן קענען שפעטער איבערגעדעקט ווערן מיט א פילינג מיט די קאליר פון א צאן.

געזונטע פלעצער פון די צאן וועלן נישט טוישן קאליר. אין זעלטענע פעלער פאראורזאכט SDF וואס טראפט אראפ אויף די הויט אדער גומען א קליינע, צייטווייליגע פלעק וואס גייט אוועק נאך עטליכע טעג.



*בעפאר (רעכטע בילד) און נאך (לינקע בילד) באהאנדלונג מיט SDF.*

## קען איך עסן אדער טרונקען נאך SDF ווערט ארויפגעלייגט אויף מיין צאן?

יא, SDF זאפט זיך איין בערך איין מינוט נאך עס ווערט ארויפגעלייגט. איר קענט עסן קורצליך דערנאך.

## איז SDF באהאנדלונג ריכטיג פאר מיין קינד?

ציין וועלכע ווערן באהאנדלט מיט SDF דארפן רעגלמעסיג אונטערזוכט ווערן דורך א דענטיסט. כאטש SDF באהאנדלונג קען צייטווייליג אפשטעלן לעכער פון גרעסער ווערן, פאררעכט עס נישט די לאך וואס איז שוין געווארן אין די צאן ביז דאן. טייל פון די ציין וועלכע ווערן באהאנדלט מיט SDF וועלן מעגליך דארפן א פילינג אדער קראַון אלץ פערמאנענטע לייזונג. SDF וועט אויך מעגליך דארפן נאכאמאל ארויפגעלייגט ווערן ביי צוקונפטיגע באזוכן ביי די דענטיסט.

SDF באהאנדלונג וועט נישט פארמיידן נייע לעכער. נייע לעכער וועלן פארזעצן צו געשעהן אויב א פאציענט טוישט נישט זייערע געוואוינהייטן. עס איז רעקאמענדירט אז פאציענטן זאלן פוצן די ציין צוויי מאל א טאג, פארמיידן צוקערדיגע עסנווארג און געטראנקען און באזוכן דעם דענטיסט אויף א רעגלמעסיגן פארנעם.

## איז SDF באהאנדלונג געדעקט דורך דענטעל אינשורענס?

Medicaid אין ניו יארק סטעיט דעקט SDF באהאנדלונג. רופט **311** פאר מער אינפארמאציע איבער וויאזוי זיך צו איינשרייבן פאר פובליק העלט אינשורענס אדער צו טרעפן א ביליגע דענטיסט נעבן אייך.

**פאר מער אינפארמאציע איבער געזונטהייט פון די מויל, באזוכט nyc.gov/health/teeth.**